**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/20/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט היסטארישע 2 ביליאן דאלאר אין טשיילד קעיר סאָבסידיס צו שטיצן נידעריגע-איינקונפט און ארבעטנדע פאמיליעס און טשיילד קעיר פראוויידערס**

***7 ביליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר טשיילד קעיר ארייגעלייגט אין פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט***

***מאקסימום איינקונפט צו קענען באקומען טשיילד קעיר סאָבסידיס געהעכערט, מאכנדיג דערמיט א פרעצעדענטלאזע צאל פון יונגע קינדער אין ניו יארק סטעיט בארעכטיגט***

***אפרופונג פון פראָוויידערס וועלכע געפונען זיך אין אזויגערופענע טשיילד קעיר מדבריות אין די סטעיט גאר הויך מיט א רעקארד צאל פון 1,700 גרענט אפליקאציעס ערהאלטן צו אויפשטעלן נייע טשיילד קעיר פראגראמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די גרעסטע אינוועסטירונג אין טשיילד קעיר סאָבסידיס אין די היסטאריע פון ניו יארק סטעיט וועט פארטיילט ווערן — 2 ביליאן דאלאר צו העכערן די צאל פאמיליעס וועלכע באקומען פינאנציעלע הילף פאר טשיילד קעיר און די סומע וואס טשיילד קעיר פראוויידערס ווערן באצאלט פאר זייערע וויכטיגע סערוויסעס. די 2 ביליאן דאלאר אין טשיילד קעיר סאָבסידיס רעכנט אריין 894 מיליאן דאלאר אין נייע פינאנצירונג פאר די ניו יארק סטעיט טשיילד קעיר בלאק גרענט (New York State Child Care Block Grant) וואס איז אריבערגעפירט געווארן אין די לעצטיגע סטעיט בודזשעט, מער פון 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואס איז אין די פארגאנגענהייט צוגעטיילט געווארן צו גיבן פאר לאקאלע דעפארטמענטס פון סאושעל סערוויסעס דיסטריקטס אבער זענען געבליבן אין די קאסע, און מער פון 600 מיליאן דאלאר אין עקזיסטירנדע קאוויד-19 פאנדעמיע פינאנצירונג. אלץ טייל פון די גאווערנער'ס פרעצעדענטלאזע פארפליכטונג פון 7 ביליאן דאלאר פאר טשיילד קעיר אין לויף פון די קומענדיגע פיר יאר, שטעלן די אינוועסטירונגען צו פאר פאמיליעס גאר נויטיגע שטיצע, און אין די זעלבע צייט פאראויס רוקנדיג ניו יארק'ס עקאנאמישע ערהוילונג.

"איך ווייס פון ערשטהאנטיגע ערפארונג וויאזוי נישט האבן גענוג טשיילד קעיר קען שאטן פאר אייער קאריערע, אייער פאמיליע און אייער צוקונפט, אלץ אן ארבעטנדע מאמע ווען איך בין געצווינגען געווען צו איבערלאזן מיין דזשאב זיך אפצוגעבן מיט מיין קינד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היסטארישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק סטעיט'ס טשיילד קעיר סיסטעם וועלן אונז ערלויבן צו אויפפלאסטערן א נייעם וועג פאראויס פאר עלטערן, באזונדערס מאמעס. עס איז די ריכטיגע זאך צו טוהן, די מאראלישע זאך צו טוהן, און עס וועט גיבן א שטארקע שטופ פאר אונזער עקאנאמישע ערהוילונג און שטיצן ארבעטנדע פאמיליעס. טשיילד קעיר איז א וויכטיגע סערוויס, און אין ניו יארק וועלן מיר פארזעצן צו טוהן אלעס אין אונזער מעגליכקייט צו זיכער מאכן אז ארבעטנדע פאמיליעס האבן צוטריט דערצו."

די פינאנצירונג, אונטער די פארוואלטונג פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) וועט העכערן די שטאפלען פון בארעכטיגונג פאר פאמיליעס אין אויגוסט 2022 צו ביז אזויפיל ווי 300% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל ($83,250 פאר א פאמיליע פון פיר נפשות), ארויף פון 200%, פארברייטערנדיג דערמיט די מעגליכקייט צו זיין בארעכטיגט צו הונדערטע טויזנטע יונגע קינדער אין ניו יארק.

די OCFS'ס פינאנצירונג אנאנס קומט קורצליך נאך די לעצטיגע באפרייאונג פון 30 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע גרענט פינאנצירונג צו פארברייטערן עקזיסטירנדע לייסענסירטע, רעגיסטרירטע אדער פערמיטעד טשיילד קעיר פראגראמען אין געגנטער פון די סטעיט אן גענוג טשיילד קעיר פלעצער, באקאנט אלץ 'טשיילד קעיר מדבריות'. די געלטער וועלכע זענען טייל פון די 100 מיליאן דאלארדיגע טשיילד קעיר מדבריות איניציאטיוו באשטעטיגט אין די 2021 אריבערגעפירטע בודזשעט ווערן יעצט פארטיילט דורך די אמעריקאנע רעטונג פלאן געזעץ (American Rescue Plan Act). מער אינפארמאציע און אן איינלאדענונג פאר אפליקאציעס זענען פארעפענטליכט [דא](). די אנדערע באשטאנדטייל פון די טשיילד קעיר מדבריות פינאנצירונג, אין די ווערט פון 70 מיליאן דאלאר, האט זיך גענעפנט אין אפריל.

ביז די אפליקאציע טערמין וואס איז געווען נעכטן האט די OCFS ערהאלטן איבער 1,700 אפליקאציעס פון מענטשן וועלכע האפן צו אויפשטעלן נייע טשיילד קעיר פראגראמען אין געגנטער אין ניו יארק סטעיט וועלכע האבן קריטישע מאנגלען אין טשיילד קעיר אלץ טייל פון די 70 מיליאן דאלאר וואס ווערט צוגעשטעלט אין די 2021 דורכגעפירטע בודזשעט. איבער האלב פון די אריינגעגעבענע אפליקאציעס זענען געציהלט אויף טשיילד קעיר מדבריות ספעציפיש אין ניו יארק סיטי. די פינאנצירונג וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די אמעריקאנער רעטונג פלאן וועלן העלפן טשיילד קעיר פראוויידערס אין געגנטער וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס צו אויפשטעלן טשיילד קעיר פראגראמען; דעקן קאסטן פון עפענען די פלאץ און פון שטאב מיטגלידער; רעקרוטירן, טרענירן און האלטן ארבייטער; און שטיצן ארבייטער מיט צוטריט צו קאוויד-19 וואקסינען און בוסטערס. אנאנסירונגען פון די אווארדס זענען פלאנירט זיך אנצוהויבן אין די קומענדיגע וואכן.

פריער אין אפריל האט די גאווערנער אנאנסירט אז גרויסע אינוועסטירונגען אין טשיילד קעיר געפונען זיך צווישן די וויכטיגע פונקטן פון די פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט, טאפלנדיג ניו יארק'ס שטיצע פאר טשיילד קעיר סאָבסידיס. ניו יארק סטעיט אינוועסטירט 7 ביליאן דאלאר אין לויף פון פיר יאר, אין אנערקענונג פון די פאקט אז צוטריט צו הויכע-קוואליטעט טשיילד קעיר איז קריטיש פאר קינדער, פאמיליעס און פאר די עקאנאמישע ערהוילונג איבערן סטעיט. די סטעיט בודזשעט פארברייטערט אויך צוטריט צו הויכע-קוואליטעט טשיילד קעיר דורכן העכערן די טשיילד קעיר מארקעט ראטע צו די 80'סטע פראצענט פון פראָווייידער'ס ראטעס אין יוני 2022. די ענדערונג וועט פארברייטערן די טשיילד קעיר אפציעס וועלכע זענען דא צו העלפן פאמיליעס וועלכע באקומען טשיילד קעיר הילף, און אין די זעלבע צייט וועט עס אויך פארמערן פארגוטיגונגען פאר טשיילד קעיר פראוויידערס. די העכערונג שטעלט אוועק ניו יארק סטעיט אלץ א נאציאנאלע פירער אין באציאונג צו באצאלונג ראטעס.

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמישאנער שילע פול האט געזאגט,** "מיר זענען פול מיט פרייד מיט די פרעצעדענטלאזע פינאנצירונג פאר טשיילד קעיר הילף. דאס שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון טשיילד קעיר צוטריט פאר אונזערע פאמיליעס. עס קומט זיך פאר זיי, און עס קומט זיך פאר אונזערע פראָווייידערס. די פאנדעמיע האט אנגעזייעט א חורבן אין די אינדוסטריע, און די ענדערונגען וועלן העלפן שטיצן די וועלכע דארפן דאס די מערסטע און וועלן פארשטערקערן אונזערע פראָווייידערס אפילו מער."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "אלץ מאיאריטעט פירער האב איך צוגעזאגט אז איך וועל אהערשטעלן די שטארקע פינאנצירונג וואס ניו יארק דארף צוריק צו קומען פון די פאנדעמיע שטערקער פון סיי ווען, און יעצט, א דאנק די אמעריקאנער רעטונג פלאן, האט ניו יארק די מעגליכקייט צו מאכן די גרעסטע אינוועסטירונג אין טשיילד קעיר אין די סטעיט'ס היסטאריע. די אינוועסטירונג מיינט אז פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך וועלן באקומען די פינאנציעלע הילף וואס זיי דארפן, מער הילף פאר טשיילד קעיר פּראָווײדערס און עלימינירן טשיילד קעיר מדבריות. טשיילד קעיר וואס פאמיליעס קענען זיך ערלויבן איז וויכטיג פאר אונזער עקאנאמישע ערהוילונג, און איך בין שטאלץ צו האבן געברענגט די געלטער צו ערמעגליכן די היינטיגע היסטארישע נייעס."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "פונקט ווי פילע אין דאס לאנד פארמעסט זיך ניו יארק מיט א טשיילד קעיר קריזיס. "טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר צוגענגליכע פרייזן איז נישט מעגליך צו באקומען פאר פילע עלטערן, באזונדערס אין געגנטער וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען די קריטישע שריט צו מאכן טשיילד קעיר מער צוגענגליך, און איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו אריבערפירן די אמעריקאנער רעטונג פלאן וואס האט געהאלפן ערמעגליכן די היסטארישע אינוועסטירונג."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "אונזער לאנד פילט נאכאלץ די פינאנציעלע שוועריגקייטן פון קאוויד-19, און די ווירקונג אויף די טשיילד קעיר סיסטעם באזונדערס האט איבערגעלאזט פילע עלטערן אויפן וואסער און אן צוגענגליכע קעיר פאר פרייזן וואס זיי קענען זיך ערלויבן. איך און מיינע דעמאקראטישע קאלעגן האבן אונטערגענומען אנטשלאסענע שריט צו האנדלען מיט די קריזיס און שטיצן קינדער אין נויט, אריינרעכענענדיג פארברייטערן די טשיילד טעקס קרעדיט וואס ווערט געשטופט דורך אונזער אמעריקאנער רעטונג פלאן. די טעקס שניט האט געהאלפן 3.3 מיליאן קינדער אין ניו יארק סטעיט אליין. אין די צייט וואס מיר זענען פאר צו ארבעטן צו ברענגען הילף וועט די היינטיגע אנאנס שפילן א וויכטיגע ראלע אינעם שטיצן שווער ארבעטנדע עלטערן אין די צייט וואס זיי ברענגען פרנסה פאר זייערע פאמיליעס און פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָו עספּאַיאַט האט געזאגט,** "טשיילד קעיר פּראַווײדערס זענען קריטיש צו די הצלחה און וואוילזיין פון ארבעטנדע פאמיליעס ארום ניו יארק. איינס פון די פילע לעקציעס וואס מיר האבן זיך אויסגעלערנט דורכאויס די פובליק געזונטהייט קריזיס איז אז מיר קענען נישט רוקן פאמיליעס אויף פאראויס אויב מיר לאזן איבער טשיילד קעיר פּראַווײדערס פון הונטן. איך לויב גאווערנער האקול פאר די היינטיגע אנאנס צו ווייטער אינוועסטירן אין טשיילד קעיר סערוויסעס און שטיצע פאר פאמיליעס ארום די סטעיט. די פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג וועט אפפערן א געוואלדיגע שטאפל פון שטיצע פאר טשיילד קעיר פּראַווײדערס און זיכער מאכן אז זיי קענען צושטעלן די נויטיגע סערוויסעס וואס פאמיליעס דארפן."

**סטעיט סענאטארשע ראַקסען דזש. פערסאוד האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס שפיגלט אפ די באדייטנדע ארבעט פון די גאווערנער און די לעגיסלאטור צו אינוועסטירן אין ניו יארק'ס פאמיליעס און די טשיילד קעיר סעקטאר. טשיילד קעיר מדבריות קומען נישט פון א קליינע פארלאנג נאר צוליב צו ווייניג אינוועסטירונג. די הויי-יאריגע בודזשעט טוט נישט נאר פארברייטערן די מעגליכקייט צו זיין בארעכטיגט צו פיל מער פאמיליעס, נאר עס רעכנט אויך אריין באדייטנדע פינאנצירונג פאר נייע און עקזיסטירנדע פּראַווײדערס צו העלפן נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פאר קעיר."

**אסעמבלי מיטגליד ענדרו העוועסי האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ פון וואס מיר האבן ערשטרייכט אין די הויי-יאריגע סטעיט בודזשעט, און איך לויב אויס גאווערנער האקול, קאמישאנער פּויל און אלע איינגעשטעלטע פון די OCFS פאר זייער פלינקע שריט צו ברענגען די געלטער דירעקט צו די וועלכע דארפן זיי. פארברייטערן בארעכטיגונג פאר סאָבסידיס, פינאנצירן נייע פראגראמען אין טשיילד קעיר

מדבריות און העכערן די פארגוטיגונג ראטע פאר פראָוויידערס וועלן ברענגען טשיילד קעיר פאר טויזנטע קינדער און פאמיליעס וועלכע האבן זיך געמוטשעט און זענען געמאכט געווארן זיך אן עצה צו געבן אן דעם. איך קוק ארויס צו בויען אויף די זיגן צו פארזיכערן אז יעדעס קינד ווערט געזארגט פאר און ארויפגעלייגט אויפן וועג צו הצלחה."

**ברוקלין בארא פרעזידענט ענטאָניאָ רעינאָוסאָ האט געזאגט,** "טשיילד קעיר איז איינס פון די העכסטע פינאנציעלע זארגן פאר סיי וועלכע פאמיליע. איך בין פרייליך אז גאווערנער האקול מאכט די אינוועסטירונג וואס וועט פארגרינגערן פאר פאמיליעס צו באקומען פארלעסליכע און זיכערע קעיר פאר זייערע קינדער. אלץ אן עלטערן אליין, ווייס איך ווי שווער און אנגעצויגן טשיילד קעיר קען זיין. די וועלכע האבן די אויטאריטעט צו מאכן וויכטיגע און לעבנס טוישנדע אינוועסטירונגען ווי די היינטיגע האבן די מעגליכקייט צו ענדערן מענטשן'ס לעבנס, ערלויבנדיג פאמיליעס צו אוועקגעבן צייט צו ארבעטן אדער צו פארזעצן זיך צו בילדן און טרענירן פאר ארבעט וואס וועט זיי ערלויבן צו וואקסן."

פאר נאך אינפארמאציע איבער די פינאנצירונג אדער די טשיילד קעיר הילף פראגראם, זאלן פאמיליעס און פראָוויידערס זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן